בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט
די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה
שליט"א, שבת קודש פרשת קרח, שנת
תשפ"ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב -
ליבערטי יע"א, ביי שלש סעודות.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## באראא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
78 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח' צהל 1
**050-412-6101**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**


צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**


עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

**שבת קודש פרשת קרח, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א. ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש לקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפב.**

איידער דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם שיעור האט מען געזינגען דעם ניגון:

וָואס פַּארַא סְחוֹרָה אִיז אִין הִימְל טַייעֶר,
וָואס פַּארַא סְחוֹרָה זוּכְט מֶען דָארְט זֵייעֶר,
וָואס דַארְף אַ נְשָׁמָה וֶוען זִי קוּמְט דָארְט אַרוֹיף,
אִירֶע יָארְן אוּן אִירֶע טֶעג
מִישְׁט מֶען דָארְט אוֹיף.

וָואס פַּארַא סְחוֹרָה אִיז אִין הִימְל טַייעֶר,
וָואס פַּארַא סְחוֹרָה זוּכְט מֶען דָארְט זֵייעֶר,
וָואס דַארְף אַ נְשָׁמָה
וֶוען זִי קוּמְט דָארְט אַרוֹיף,
אִירֶע יָארְן אוּן אִירֶע טֶעג
מִישְׁט מֶען דָארְט אוֹיף.

תּוֹרָה, תּוֹרָה תְּשׁוּבָה תְּפִלָּה,
אוּן אַבִּיסֶעלֶע צְדָקָה,
שַׁבָּת, פֶּסַח שְׁבוּעוֹת סוּכּוֹת,
ד' מִינִים אוּן גֶעגֶעסְן מַצָה.

אַ קַאפְּל, אַ קַאפְּל אוּן אַ גַארְטְל,
אוּן צְוַויי שַׁיינֶע פֵּיאוֹת.
תְּהִלִים, חוּמָשׁ אוּן גְמָרָא,
אוּן אַבִּיסֶעלֶע מִשְׁנַיוֹת.

וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, בְּרֶענְגְט עֶר אַהִין,
אַבִּיסְל צִי אַסַאךְ, אָבֶער יֶעצְט אִיז עֶר רַייךְ.
אָבֶער יֶעצְט אִיז עֶר רַייךְ,
אָבֶער יֶעצְט אִיז עֶר רַייךְ,
מִיט מִצְוֹת אַסַאךְ.

דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, אִיז דָארְטְן גוּט,
יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, טוּט אוֹיף אַסַאךְ,
טוּט אוֹיף אַסַאךְ, טוּט אוֹיף אַסַאךְ,
אִין גַן עֵדֶן קוּמְט עֶר אָן גְלַייךְ.

סְ'לוֹינְט זִיךְ, סְ'לוֹינְט זִיךְ,
צוּ כַאפְּן אַ מִשְׁנָה'לֶע,
כַאפְּן אַ מִשְׁנָה'לֶע, סְ'נֶעמְט אֵיין מִינוּט.
נוּ לוֹיף שׁוֹין אוּן קוֹיף שׁוֹין,
אוּן טוּ שׁוֹין אַ מִצְוָה'לֶע,
טוּ שׁוֹין אַ מִצְוָה'לֶע, סְ'לוֹינְט זִיךְ גָאר גוּט.

זָאג אַבִּיסֶעלֶע מִשְׁנַיוֹת,
וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דֶעם חִיוֹת.
מִשְׁנָה בַּאטְרֶעפְט וִוי נְשָׁמָה,
גֶעב צוּ עֶסְן פַאר דַיין נְשָׁמָה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן, חלק א, סימן רפב):

דַּע, זאלסט וויסן, כִּי צָרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, אז מען דארף יעדן איינעם דן זיין לכף זכות, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בּוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, אפילו אין א רשע גמור דארף מען אויך זוכן אביסל גוטס, שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּעַט אֵינוֹ רָשָׁע, וואס מיט די גוטע זאך איז ער נישט קיין רשע, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמּוֹצֵא בּוֹ מְעַט טוֹב, וְדָן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל־יְדֵי־זֶה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה, און דורך דעם וואס מען קוקט גוט אויף אים, מען זוכט אין אים אביסל גוטס, דורכדעם קען מען אים צוריק ברענגען צום אייבערשטן. וְזֶה בְּחִינַת, און דאס איז פשט אינעם פסוק (תהלים לז, י): וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ; הַיְנוּ שֶׁהַפָּסוּק מַזְהִיר לָדוּן אֶת הַכֹּל לְכַף זְכוּת, וְאַף־עַל־פִּי שֶׁאַתָּה רוֹאֶה שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר, אַף־עַל־פִּי־כֵן צָרִיךְ אַתָּה לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ לִמְצֹא בּוֹ מְעַט טוֹב, שֶׁשָּׁם אֵינוֹ רָשָׁע, דער פסוק זאגט אונז, מען זאל דן זיין יעדן איינעם לכף זכות, אפילו אינעם רשע גמור זאל מען אויך זוכן עפעס גוטס, וואס אין דעם איז ער נישט קיין רשע. וְזֶהוּ: וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע - שֶׁצָּרִיךְ אַתָּה לְבַקֵּשׁ בּוֹ עוֹד מְעַט טוֹב, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן, שֶׁשָּׁם אֵינוֹ רָשָׁע, כִּי אַף־עַל־פִּי שֶׁהוּא רָשָׁע, אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁאֵין בּוֹ מְעַט טוֹב עֲדַיִן, כִּי אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁלֹּא עָשָׂה אֵיזֶה מִצְוָה אוֹ דָּבָר טוֹב מִיָּמָיו, אפילו א רשע איז נישט מעגליך אז ער האט קיינמאל נישט געטון קיין מצוות, זיכער האט ער אמאל געטון עפעס א מצוה אדער א גוטע זאך, וְעַל־יְדֵי־זֶה שֶׁאַתָּה מוֹצֵא בּוֹ עוֹד מְעַט טוֹב, שֶׁשָּׁם אֵינוֹ רָשָׁע, וְאַתָּה דָּן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, דורך דעם וואס דו טרעפסט אין אים עפעס גוטס, און דו ביסט אים דן לכף זכות, עַל־יְדֵי־זֶה אַתָּה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת, עַד שֶׁיָּשׁוּב בִּתְשׁוּבָה עַל־יְדֵי־זֶה, הייבסטו אים אים אויף פון זיין שלעכטס, ביז ער וועט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

וְזֶהוּ: וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע - עַל־יְדֵי שֶׁמּוֹצֵא בְּהָרָשָׁע עוֹד מְעַט טוֹב, שֶׁשָּׁם אֵינוֹ רָשָׁע, דאס זאגט דער פסוק: אז דו וועסט טרעפן אין אים 'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע' – אביסל גוטס וואס אין דעם פרט איז ער נישט קיין רשע, עַל־יְדֵי־זֶה: וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ - הַיְנוּ כְּשֶׁתִּתְבּוֹנֵן וְתִסְתַּכֵּל עַל מְקוֹמוֹ וּמַדְרֵגָתוֹ, וְאֵינֶנּוּ שָׁם עַל מְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן, דעמאלט: 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', וועט ער שוין נישט בלייבן ביי זיינע אלטע מעשים, נאר ער וועט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן. כִּי עַל־יְדֵי שֶׁמּוֹצְאִין בּוֹ עוֹד מְעַט טוֹב, אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה, וְדָנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל־יְדֵי־זֶה מוֹצִיאִין אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת. וְזֶהוּ: וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ כַּנַּ"ל, וְהָבֵן:

יעצט גייט דער רבי א טרעפל ווייטער: וְכֵן צָרִיךְ הָאָדָם לִמְצֹא גַּם בְּעַצְמוֹ, א מענטש דארף אויך טרעפן 'אין זיך' נקודות טובות. כִּי זֶה יָדוּעַ, ווייל דאס איז באוואוסט, שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהַרְחִיק הָעַצְבוּת מְאֹד מְאֹד (כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים), אז א מענטש דארף זיין שטענדיג פרייליך, און זיך דערווייטערן פון עצבות.

אז מען ווערט א ברסלב'ער חסיד, דארף מען פאלגן דעם רבי'ן, צו זיין פרייליך און אוועק שטופן די עצבות און מרה שחורה. יעדער מענטש ציט צו עצבות, אפילו א מענטש וואס אלעס גייט אים גוט, ציט נאכאלץ דער נאטור צו דעפרעסיע, זאגט דער רבי אז מען דארף ארבעטן מיט אלע כוחות אוועק צו שטופן די עצבות.

וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמַּתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל בְּעַצְמוֹ וְרוֹאֶה שֶׁאֵין בּוֹ שׁוּם טוֹב, אפילו מען זעט אין זיך אז מען האט נישט קיין שום גוטס, וְהוּא מָלֵא חֲטָאִים, נאר מען איז פול מיט זינד, וְרוֹצֶה הַבַּעַל דָּבָר לְהַפִּילוֹ עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, חַס וְשָׁלוֹם, און דער יצר הרע וויל ארייו ווארפן דעם מענטש אין עצבות און מרה שחורה, אַף־עַל־פִּי־כֵן אָסוּר לוֹ לִפֹּל מִזֶּה, מיט דעם אלעם טאר מען נישט ווערן געפאלן פון דעם, רַק צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ

וְלִמְצֹא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, נאר מען דארף זוכן אין זיך עפעס גוטס, כִּי אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁלֹּא עָשָׂה מִיָּמָיו אֵיזֶה מִצְוָה אוֹ דָּבָר טוֹב, ווי אזוי קען דען זיין אז מען זאל נישט האבן געטון כאטש איינמאל אין לעבן עפעס א גוטע זאך.

וְאַף שֶׁכְּשֶׁמַּתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל בְּאוֹתוֹ הַדָּבָר הַטּוֹב, און אפילו אויב מען וועט אריין קוקן אין די גוטע זאך, הוּא רוֹאֶה שֶׁהוּא גַּם כֵּן מָלֵא פְּצָעִים וְאֵין בּוֹ מְתֹם, וועט מען זען אז עס איז נישט ווי עס דארף צו זיין, יעדע מצוה וואס מען האט אמאל געטון איז נישט גאנץ, הַיְנוּ שֶׁרוֹאֶה שֶׁגַּם הַמִּצְוָה וְהַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁזָּכָה לַעֲשׂוֹת, הוּא גַּם כֵּן מָלֵא פְּנִיּוֹת וּמַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּפְגָמִים הַרְבֵּה, עס איז פארשמירט, ער האט דערביי אינזין געהאט מענטשן אדער שלעכטע מחשבות וכו׳, זאגט אבער דער רבי: עִם כָּל זֶה אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּאוֹתָהּ הַמִּצְוָה וְהַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה אֵיזֶה מְעַט טוֹב, איז נישט מעגליך אז עס זאל נישט זיין אין דעם עפעס גוטס, כִּי עַל כָּל פָּנִים אֵיךְ שֶׁהוּא, עַל־כָּל־פָּנִים הָיָה אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה בְּהַמִּצְוָה וְהַדָּבָר טוֹב שֶׁעָשָׂה, זיכער איז דא אין דעם איין פינטעלע גוטס, כִּי צָרִיךְ הָאָדָם לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, כְּדֵי לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ, וְלָבוֹא לִידֵי שִׂמְחָה כַּנַּ״ל, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמְּחַפֵּשׂ וּמוֹצֵא בְּעַצְמוֹ עֲדַיִן מְעַט טוֹב, עַל־יְדֵי־זֶה הוּא יוֹצֵא בֶּאֱמֶת מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה, דורך דעם וואס דער מענטש זוכט אין זיך גוטס, ער לעבט זיך אויף מיט דאס גוטס וואס ער האט, ווערט ער פריילין, און דאס ברענגט שוין צו ער זאל טון נאך גוטע זאכן, ווייל ׳עצבות׳, צעבראכנקייט, ווארפט אראפ א מענטש אין עבירות רחמנא לצלן, דורכדעם וואס דער מענטש טראכט ׳איך בין סיי ווי גארנישט ווערד׳, דעריבער, אז דער מענטש הייבט אן זוכן אין זיך נקודות טובות, גוטע פינטעלעך, איז ער זוכה צו תשובה טון.

בִּבְחִינוֹת: וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, כַּנַּ״ל. הַיְנוּ כְּמוֹ שֶׁצְּרִיכִין לָדוּן אֲחֵרִים לְכַף זְכוּת, אֲפִלּוּ אֶת הָרְשָׁעִים, וְלִמְצֹא

בָּהֶם אֵיזֶה נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, וְעַל־יְדֵי־זֶה מוֹצִיאִין אוֹתָם בֶּאֱמֶת מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת, בִּבְחִינַת: וְעוֹד מְעַט וְכוּ' וְהִתְבּוֹנַנְתָּ וְכוּ' כַּנַּ"ל, פונקט אזוי ווי מען דארף דן זיין לכף זכות אנדערע מענטשן, אפילו די רשעים, און זוכן אין זיי נקודות טובות, וואס דורך דעם ברענגט מען זיי צוריק צום אייבערשטן, כְּמוֹ כֵן, די זעלבע זאך, הוּא אֵצֶל הָאָדָם בְּעַצְמוֹ, איז מיט'ן מענטש אליינס, שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן אֶת עַצְמוֹ לְכַף זְכוּת, מען דארף זיך דן זיין לכף זכות, וְלִמְצֹא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עֲדַיִן, מען מוז זוכן אין זיך עפעס א גוטע פינטעלע, כְּדֵי לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ שֶׁלֹּא יִפֹּל לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם, כדי מען זאל נישט חס ושלום אינגאנצן אוועק פאלן.

אז א מענטש קרעכצט א גאנצן טאג: "איך בין גארנישט!" "איך בין גארנישט!" וועט ער חס ושלום אוועק פאלן, רַק אַדְּרַבָּא יְחַיֶּה אֶת עַצְמוֹ, א מענטש דארף זיך מחיה זיין, וִישַׂמַּח אֶת נַפְשׁוֹ בִּמְעַט הַטּוֹב שֶׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ, און זיך פרייען, מיט דאס ביסל גוטס וואס ער טרעפט אין זיך, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁזָּכָה לַעֲשׂוֹת מִיָּמָיו אֵיזֶה מִצְוָה אוֹ אֵיזֶה דָּבָר טוֹב, אז ער האט זוכה געווען צו טון אמאל א מצוה אדער א גוטע זאך. וּכְמוֹ כֵן צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ עוֹד, לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ עוֹד אֵיזֶה דָּבָר טוֹב, א מענטש דארף זוכן אין זיך גוטע זאכן: "ברוך השם איך האב געהיטן שבת", "ברוך השם איך האב אנגעטון תפילין", "ברוך השם איך עס כשר'ס", "ברוך השם איך האב א מזוזה אויף מיין טיר", וְאַף שֶׁגַּם אוֹתוֹ הַדָּבָר הַטּוֹב הוּא גַּם־כֵּן מְעֹרָב בִּפְסֹלֶת הַרְבֵּה, אפילו די מצוות זענען אויך אנגעפילט מיט פסולות, עִם כָּל זֶה יוֹצִיא מִשָּׁם גַּם־כֵּן אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה, פון דעסט וועגן בלייבט כאטשיג איבער איין פינטעלע גוטס. אז דער מענטש טראכט: 'וואס זענען דען די קליינע מצוות, איך וויל זיין א נארמאלער מענטש, מיט גרויסע און גאנצע מצוות', דארף ער וויסן אז די מחשבות קומט פונעם יצר הרע.

וְכֵן יְחַפֵּשׂ וִילַקֵּט עוֹד הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת, אז מען קלויבט צוזאם נקודות

טובות, **וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשִׂין נִגּוּנִים**, ווערט פון דעם ניגונים, **כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר** (במאמר ויהי מקץ בסי׳ נ״ד), **בְּחִינַת מְנַגֵּן בִּכְלֵי זֶמֶר, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁמְּלַקֵּט הָרוּחַ טוֹבָה מִן הָרוּחַ נְכֵאָה עַצְבוּת רוּחַ, עַיֵּן שָׁם.** (עד כאן לשון רבינו זכרונו לברכה).

## דער רבי האט א וועג

דער רבי האט דא א וועג ווי אזוי איבער צו דרייען יעדן איינעם צום גוטן, דורך דעם וואס מען קוקט גוט אויפ׳ן מענטש, מען האלט פון אים, מען זוכט נישט נאר וואו ער דארף זיך פאררעכטן, וועט ער זיך אינגאנצן טוישן צום גוטן.

יעדער מחנך קען דאס זען מיט קינדער; פרוביר צו גיין מיט דעם תורה, זוך אין אלע דיינע תלמידים עפעס גוטס, וועלן זיי אלע ווערן גוטע אידן.

אסאך מאל טראכטן עלטערן, דער זון איז א חשוב׳ער אינגערמאן, דער זון איז א וואוילער אינגערמאן, אבער דער דריטער זון איז עפעס נישט אזוי ווי מען וואלט געוואלט ער זאל זיין, זאגט דער רבי, די עצה איז אז דו וועסט האלטן פון אים, דו וועסט קוקן אין אים גוט, גייט ער תשובה טון, און ווערן גוט.

## פונדאמענט פון ברסלב׳ער חסידות

דאס איז א מורא׳דיגע מורא׳דיגע יסוד; מוהרא״ש זכותו יגן עלינו רופט אן דער תורה אז דאס איז די פונדאמענט פון ברסלב׳ער חסידות! און דאס דארפן מיר חזר׳ן און חזר׳ן, ווייל דער יצר הרע קומט יעדן טאג פריש, ער הייבט אן אויסצופאקן אלע שלעכטע זאכן וואס דער מענטש האט געטון, אבי דער מענטש זאל אריין פאלן אין א עצבות און מרה שחורה, דארף מען נאכאמאל געדענקען וואס דער רבי זאגט, איך גיי זוכן גוטס.

דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כה) א מענטש דארף זיך מתבודד זיין, זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן, זיך מאכן א חשבון הנפש ווי וויט מען איז פונעם אייבערשטן, און תשובה טון, אבער - זאגט דער רבי - דאס איז נישט א זאך וואס מען טוט א גאנצן טאג, דאס איז נאר איין מאל א טאג, די איבריגע חלק טאג דארף מען זוכן אין זיך גוטס, וויסן און גלייבן אז דער אייבערשטער איז מיט מיך.

## וואס איז די חוזק?

מיט דעם טייטש מוהרא"ש וואס די הייליגע חכמים זאגן (מדרש תנחומא סימן ב): קרח האט אנגעטון אלע זיינע מענטשן מיט בלויע טליתים, און זיי האבן געפרעגט משה רבינו: "מיר דארפן נאך ארויפלייגן א בלויע בענדל?" האט משה רבינו געענטפערט: "יא! דער אייבערשטער זאגט אז א קלייד וואס האט פיר עקן דארף מען ארויפלייגן א בלויע בענדל", האט ער אנגעהויבן חוזק צו מאכן: "אויב איין בלויע פאדעם קען פטר'ן א גאנצע ציצית, איז דאך זיכער אז א 'טַלִּית שֶׁכֻּלָּהּ תְּכֵלֶת', אויב די גאנצע ציצית איז בלוי - דארף עס שוין נישט א בלוי בענדל..." נאכדעם איז ער נאכאמאל געקומען פרעגן משה רבינו: "אויב איך פיל אן א 'בַּיִת מָלֵא סְפָרִים', א גאנצע הויז מיט ספרי תורה, תפילין און מזוזות, דארף איך נאך לייגן א מזוזה ביים טיר?" זאגט משה רבינו: "יא!" האט ער ווייטער חוזק געמאכט: "אויב ווען מען האט א גאנצע פאלאץ אן קיין איין ספר, קען איין קליינע שטיקל פארמעט, א מזוזה, פטר'ן די גאנצע פאלאץ, איז דאך זיכער ווען מען פילט אן א גאנצע הויז מיט ספרים - דארף עס שוין נישט קיין מזוזה..." אזוי האט ער חוזק געמאכט פון משה רבינו.

לכאורה פארשטייט מען נישט, וואס איז די חוזק? אזוי איז דאך די מצוה! נאר זיין טענה איז געווען, משה רבינו האט אויסגעלערנט צו זיך מחיה זיין מיט קלייניגקייטן, מיט נקודות טובות, האט קרח חוזק

געמאכט: ווי אזוי קען מען זיך מחיה זיין מיט איין בלויע פאדעם? ווי אזוי קען מען זיך מחיה זיין מיט איין קליינע מזוזה? מען דארף דינען דעם אייבערשטן מיט די גאנצע פלאקער, מיט די גאנצע ברען, מען דארף האבן א טלית וואס איז כולו תכלת, אינגאנצן בלוי, מען דארף האבן אן אנגעפילטע הויז מיט ספרים!

אבער משה רבינו לערנט אויס, עס איז אמת אז א מענטש דארף א גאנצן טאג טראכטן פונעם אייבערשטן וכו׳, אבער איך וועל זיך מחיה זיין מיט איין בלויע פאדעם, איך וועל זיך מחיה זיין מיט א מזוזה אויפ׳ן טיר! איך וועל זיך מחיה זיין מיט איין פינטעלע גוטס וואס איך האב.

איך האב טאקע נאכנישט קיין ׳בית מלא ספרים׳, איך קען נאכנישט זיצן א גאנצן טאג און לערנען, איך ארבעט א גאנצן טאג, אבער ׳אביסל׳ קען איך יא, אביסל איז אויך חשוב ביים אייבערשטן.

## מוהרא״ש בלייבט אויפ׳ן פלאץ נאכן דאווענען

זיי זיך מחיה מיט קלייניגקייטן; קום אין שול דאווענען, קום אין בית המדרש לערנען. אז מען טיילט איין די סדרה יעדן טאג אביסל, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי און אזוי ווייטער, ענדיגט מען יעדע וואך די גאנצע סדרה. מען פלעגט זען מוהרא״ש יעדן טאג נאכ׳ן דאווענען ווי ער בלייבט זיצן, ער האט גענומען א חומש און מעביר סדרה געווען ׳שנים מקרא ואחד תרגום׳ דעם טייל פונעם טאג, נאכדעם האט ער געלערנט א פרק משניות און א דף גמרא, דאס איז געווען בנוסף וואס ער האט געלערנט בייטאג און ביינאכט ביי זיך אין צימער. מוהרא״ש איז געווען זייער פארנומען, און אז מען שטופט דאס אפ אויף שפעטער, איין זאך שלעפט דעם צווייטן, צום דריטן וכו׳, ביז מען לערנט נישט.

## דער טאג גייט אריבער אן תפילין

איך האב היינט גערעדט צו א אינגערמאן, ער איז א גוטער איד, א ווארילער איד, זאגט ער מיר אז ער לייגט נישט קיין תפילין, נישט במזיד, ער וויל נישט קיין שלעכטס, נאר צופרי וויל ער נאר דאס ארלעדיגן און נאר דאס ארלעדיגן, פלוצליג איז דער טאג אריבער אן תפילין, השם ישמרינו. מען רעדט נישט דא פון ווינטער וואס מען קען נאר אנטון תפילין ביז פיר אזייגער, מען רעדט פון זומער, ווען מען קען אנטון תפילין ביז אכט דרייסיג! מען האט זעכצן שעה אנצוטון תפילין!

די ערשטע זאך אינדערפרי, קום אין בית המדרש דאווענען, נישטא קיין ארבעט, נישטא קיין ביזנעס, נישטא קיין אפיס, עס איז גארנישט דא, נאר איין זאך: איך גיי אין בית המדרש אנטון די הייליגע תפילין, איך בינד זיך צו צום אייבערשטן; וועסטו זען דו וועסט האבן הצלחה.

**"אבער איך דארף קודם עפעס מורא'דיג וויכטיג מסדר זיין, נאכדעם וועל איך גיין דאווענען"** - טראכט אריין: ווען דו וואלסט יעצט געווען אין שפיטאל, דו וואלט גענדארפט א גרויסע ישועה, וואלסטו אויך געזאגט 'איך דארף קודם עפעס מורא'דיג וויכטיג מסדר זיין'? ניין! דו וואלסט געלאפן דאווענען, בעטן דעם אייבערשטן.

אזויפיל אידישע קינדער ווארטן אויף דיינע תפילות; איך ווייס פון א אינגערמאן וואס דארף נעבעך יעצט אריבער גיין אן ערנסטע אפעראציע, איך בין אזוי צעטומלט פון דעם, דער אינגערמאן האט א ביזנעס, אן אפיס מיט ארבעטערס, ער דריידט מיט הונדערטער טויזנטער דאלערן, פלוצלינג איז ער נישט געזונט געווארן, ער דארף ליגן אין שפיטאל, דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל האבן א רפואה שלימה אויף זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידין.

## דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געבעטן פון הארץ:

אידישע קינדער דארפן ישועות! דו שטייסט און שמועסט ביים דאווענען?! ווער עס וויל נישט דאווענען זאל ארויסגיין שמועסן אינדרויסן.

עס ברענט א פייער, עס גייט פון איינעם צום צווייטן, ביי איינעם דארף מען ארויסנעמען אן אויג פון א קינד רחמנא לצלן, ביי איינעם האט מען געטראפן יענע מעשה רחמנא לצלן, און דו קומסט אין שול מאכן ליצנות?! עס איז דאך א פחד און א שרעק! דו ווילסט דער גבור זאל קומען צו דיר אינדערהיים?!

איך וויל נישט דערציילן אלעס וואס גייט פאר דא אין שטעטל, אזויפיל משפחות דארפן ישועות, מען קען נישט אלעס דערציילן, אז דו ווילסט נישט דאווענען, שטיי אינדרויסן, אין בית המדרש קומט נישט צו שישקען און שטיל מאכן, מען קומט אין שול צו דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן.

אוודאי דארף א מענטש זיין א בַּיִת מָלֵא סְפָרִים, און א טַלִּית שֶׁכֻּלָּהּ תְּכֵלֶת, אבער משה רבינו זאגט אונז: "קום אין בית מדרש!" די גמרא זאגט (מנחות צט:), דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי זאגט: "**אֲפִילּוּ לֹא קָרָא אָדָם אֶלָּא קְרִיַּת שְׁמַע שַׁחֲרִית וְעַרְבִית, קִיֵּים לֹא יָמוּשׁ**", א מענטש וואס קומט צופרי אין שול און ליינט קריאת שמע, און קומט ביינאכט אין שול און ליינט קריאת שמע, איז ער יוצא מיט דעם די מצוה פון (יהושע א, ח): "וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה", (די גמרא זאגט נאר אז מען זאל דאס נישט זאגן פאר עַמֵּי הָאָרֶץ ווייל זיי וועלן זיך צוכאפן דערצו), זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון קומען אין שול צו שחרית, מנחה און מעריב, מען איז נישט סתם יוצא די מצוה פון לימוד התורה, נאר די

מצוה פון "וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה", וואס דאס גייט באמת אן יעדע רגע פון טאג, ווי די גמרא דערציילט ווייטער: בֶּן דָּמָה האט געפרעגט זיין פעטער רַבִּי יִשְׁמָעֵאל: "איך האב שוין געענדיגט כל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, מעג איך לערנען חָכְמַת יְוָנִית?" האט ער אים געענטפערט: "עס שטייט אין פסוק: 'לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה', זוך אויף א שָׁעָה וואס איז נישט טאג און נישט נאכט, וועסטו דעמאלט מעגן לערנען חָכְמַת יְוָנִית..."

דאס לערנט אונז משה רבינו אויס, קום אין בית המדרש! טו אן תפילין! האסט נאכנישט קיין 'בַּיִת מָלֵא סְפָרִים', די גאנצע טאג איז דיר נאכנישט אויסגענוצט מיט גוטע זאכן, אבער איך לייג א מזוזה אויפ'ן טיר, איך לערן צופרי אביסל חומש, אביסל גמרא און אביסל משניות.

ווי לאנג א מענטש לעבט רעדט מען פון זיין קאר, טראק, מאטערסייקל, שיף און העליקאפטער, אבער ווען עס קומט די צייט, מען גייט אוועק פון די וועלט, פון וואס מען רעדט מען? מען רעדט: ער איז געווען א וואוילער איד, ער האט געדאווענט שחרית, מנחה און מעריב, ער האט אלץ געקושט די מזוזה, ער האט אלץ געגעבן צדקה, וואו איז די קאר? וואו איז די טראק? וואו איז די מאטערסייקל? וואו איז די שיף? וואו איז די העליקאפטער? - עס קומט א צייט וואס נאר די פסוקים חומש, די פרקים משניות, די דפים גמרא, גערעדט אפאר ווערטער צום אייבערשטן - זענען חשוב.

## קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה

דער אֵייבֶּערשְׁטֶער זאל העלפן, מיר זאלן אלץ בלייבן מיט משה רבינו, מיר זאלן אפלאזן דאס פקחות, ווי רש"י זאגט (במדבר טז, ז): "קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה מַה רָאָה לְשְׁטוּת זֶה", זאגט מוהרא"ש, מען דארף עס נישט זאגן בלשון קשיא, דאס אליינס איז דער תירוץ, דו ווייסט וואס דער

פראבלעם איז געווען? קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה! ווייל קרח איז געווען א פקח עצום, ער איז נאר געווען פארנומען מיט חומרות וכו׳, וועגן דעם האט ער געקריגט אויף די פשוט׳ע זאכן וואס משה רבינו לערנט אונז.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.